בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת פנחס

שנת תשפ"ב לפ"ק


נלקט משיעוריו של

הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א

רב ואב"ד חסידי רוזין קרית יואל



הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

בארה"ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231

לחורש"י 3.1.1.5.8 - לגמרא 3.2.2.13 - לשו"ע 3.3.6.30

בארץ ישראל 073.321.1792

מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע

אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת פנחס

**די** היינטיגע שיעור וועט זיין לעילוי נשמת די זיידע פון א איד דא אין מאנסי, ר' נתן סג"ל ב"ר יעקב יצחק, ער איז געוועזן א רב דא אין מאנסי א שיינע פערציג פופציג יאר, צו סג"ל מיינט א לוי אדער א כהן נישט קיין נפקא מינא ווייל די כהנים זענען אויך געוועזן פון שבט לוי, ער האט איבערגעלעבט די קריג, און אויך לעילוי נשמת ר' יהושע העשיל בן ר' מרדכי דוד, ער איז געוועזן ראש ישיבה אין די ריזינער ישיבה אין ירושלים, די ישיבה האט געהייסן תפארת הרוזין, און ער האט אויפגעבויעט די ריזניער מלוכה נאכ'ן קריג, ער האט צוזאמגענומען אלע ריזינער רבי'ס פון ירושלים, און ער האט געמאכט א שיינע מלוכה.

**מ'זאגט** א ווערטעל אז צו רבי שלמה באבאבוער השני איז געקומען א איד רעדן וועגן א שידוך, און ער איז געוועזן א צאנזער אייניקל, האט ער געזאגט אז ער קען נישט טון די שידוך ווייל די אנדערע צד זענען רוזינער אייניקלעך, האט באבאבער רב געזאגט אז היינט איז צאנז נישט צאנז און רוזין איז נישט רוזין.

**איך** האב געטראפן יעצט ר' מאיר צוויבל אין בית המדרש, האט ער געזאגט א שיינעווארט, די וואכעדיגע סדרה שטייט לאזני משפחת האזני, לערי משפחת הערי, זאגט ער אז ס'שטייט אין די גמרא פארוואס האט מען די שפיציגע פינגער, דאס איז געמאכט אז ווען מ'הערט א לשון הרע זאל מען אריינלייגן די פינגער אין הויער, די גמרא פרעגט דארט פארוואס דארף מען האבן פינעף פינגערס, אבער די קליינע פינגער איז געמאכט צו פארדקען די הויער ווען ס'קומט צו לשון הרע, זאגט ר' מאיר צוויבל, וואס טוט מען אז מ'שטייט אויף אינמיטן די נאכט, און מ'הערט א לשון הרע, און מ'קען נישט צודעקן די הויער מיט די פינגער, ווייל מ'טאר נישט צורירן בראשי אברים, וואס טוט מען, שטופט מען אריין אין די הויער די אינטערשטע חלק פון די הויער. זאגט ער זייער שיין, לאזני, משפחת האזני, אז מ'קען נישט ניצן די פינגער

צודעקן די הויער, איז משפחת האזני, נעמט מען די משפחה פון די הויער וואס דאס איז די אינטערשטע חלק פון די הויער און מיט דעם דעקט מען צו די הויער, און לערי, ווען מ׳שטייט אויף אינמיטן די נאכט וואס דעמאלטס איז נאכנישט די צייט אויפצושטיין, איז משפחת הערי, אבער ס׳איז דא די משפחה פון ערי. און מ׳קען זאגן לערי משפחת הערי, וועט מ׳געבט א שיעור דארף מען מעורר זיין די שומעים. און לאזני, אז מ׳הערט לשון הרע איז דאס מעורר אויף די מענטש שלעכטע ענינים לא עלינו ולא עליכם.

**ס׳איז** פרשת פנחס אויף די וועלט, ס׳איז דא צוויי אינטערסאנטע זאכן אין די וואכעדיגע סדרה, ס׳איז דא א ו׳ קטיעה, מיט א י׳ זעירא, נישט יעדער באמערקט דאס, מ׳רעדט נישט קיין סאך וועגן דעם, נאר ווען ס׳קומט פרשת חיי שרה דעמאלטס איז יעדער פארנומען מיט די קליינע כ׳ פון ולבכותה.

**די** קדושת ציון פון באבוב האט אמאל געזאגט א ווארט, שבת מברכים זאגט מען, חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא, פרעגט די קדושת ציון, יראת שמים ויראת חטא איז די זעלבע זאך, זאגט ער זייער פשוט, יראת שמים מיינט אז מ׳האט מורא פון דיני שמים, אין ספר ראשית חכמה איז דא א גאנצע שער וואס שטייט דארט וויאזוי די גיהנם זעט אויס, עכ״פ יראת שמים מיינט אז מ׳האט מורא פון די דיני שמים דאס איז די גיהנום און די עונשים וואס מ׳באקומט אויף די עבירה, און יראת חטא מיינט אז מ׳האט מורא פון די חטא אליינס, יעדע חטא ברענגט א זוהמא אויף דער מענטש, אז מ׳דערקענט נישט מער דער מענטש.

**איז** יראת שמים, ווען ס׳קומט אינטער פאר א מענטש א נסיון זאל ער זיך צוריקהאלטן פון זינדיגן נישט ווייל ער האט מורא פון די דיני שמים די גיהנום און די עונשים, נאר ער דארף זיך צוריקהאלטן וועגן יראת חטא, זיין נשמה זאל נישט נפגם ווערן פון די חטא.

**זאגט** ער זייער שיין, שטייט אין די וואכעדיגע סדרה, אז פנחס איז געווען א קנאי, ער האט אוועקגעשטעלט די קדושה ביי אידישע קינדער, מיט די מעשה וואס ער האט געטון האט ער אראפגענומען די חרון אף, והשיב את חמתי, האב איך געטראכט זייער שיין, אז פנחס איז די אותיות פן און חס, לכתחילה שרייבט מען פנחס אָן א יוד, פן איז השמר לך פן, די פסוק קומט זאגן אז מ׳זאל זיין אפגעהיטן פון עבירות, און חס, איז א לשון פון רחמנות, מ׳זאל רחמנות האבן אויף די נשמה, פן מיינט יראת שמים מ׳זאל מורא האבן פון דיני שמים, און חס מיינט יראת

חטא, מ׳זאל רחמנות האבן אויף די נשמה. קומט אויס זייער שיין צווישן די פן איז דא א קליינע יוד, אז איינער וואס האט מורא פון די גיהנום, איז אין א קלענערע מדריגה דאס איז מרומז אין די קליינע יוד.

**איך** האב געטראכט א שיינע ווארט לעצטע וואך שבת צופרי, פרשת פנחס הייבט זיך שוין אן לעצטע וואך, די רבי זי״ע איז געווען די גרעסטע לוחם פון די פריערדיגע דור און ס׳האט א המשכה אין דעם דור, די ענין פון קנאות, פאר׳ן קריג זענען רוב צדיקים פון די דור האבן געהאט אין ווען זיך אנצוהאלטן, אפילו בעלזער רב אליינס, מיט אלע צדיקים האבן געהאט איין מהלך, און די נישט ערליכע זענען בטל געווארן ברוב, די רבי האט געהאט א אנדערע אויפגאבע וואס מיט דעם איז ער געווען א יחיד קעגן א רבים.

**און** פנחס האט אויך געהאט דעם פראבלעם, קיינער האט גארנישט געוואלט טון, איז ער געגאנגען און געטון. שטייט ויקח רומח בידו, פארוואס פונקט א רומח, פארוואס שטייט נישט ויקח חרב בידו, ס׳איז די זעלבע זאך, קודם ס׳איז דא שיינע רמז שטייט אברהם היה רמ״ח כנגד רמ״ח אברים של האדם, איך האב געהערט אמאל פון רבי אלימלך בידערמאן האט ער געזאגט אז די רבי ז״ל בעל דברי יואל ווען ער איז געווען אין ירושלים פלעגט ער דאווענען אין די אלטע בית המדרש, אין רחוב יואל, עכ״פ מ׳האט געקענט הערן וויאזוי ער איז מתפלל שתרגילינו בתורתך, און ער פלעגט ארויסזאגן אין אידיש, באשעפער איך בעט דיך אז מיינע איברים זאלן פון זיך אליינס מקיים זיין כל התורה כולה אזוי ווי אברהם אבינו. די רבי ז״ל האט געקענט כל התורה כולה מ׳דארף נישט ברענגען קיין ראיות דערויף, ס׳איז דא א מעשה וואס אפילו ס׳איז נישט מעלה ומוריד, אז ס׳איז אמאל געווען א ליטווישע רבביים רבי׳ן ז״ל, און ער האט געזאגט אז ממש כל התורה איז שגור בפיו.

**און** מ׳דארף צוקומען צו די מדריגה אז די אברים זאלן פון זיך מקיים זיין כל התורה כולה אפילו נאך מתן תורה, ווייל אפילו איינער קען כל התורה כולה יעדע מציאות וואס שטייט אין די תורה, פון משניות ביז די גמרא און אזוי ווייטער, שולחן ערוך און אלע נושאי כלים, און אפילו מ׳קען אלע אחרונים שבאחרונים, אפילו משנה ברורה איז נאך אלץ שווער צו וויסן וואס צו טון אין יעדע נושא, היינט איז דא אסאך נייע שאלות וואס איז נישט געווען אמאל, ס׳איז די א פרידזשערעטער, ס׳האט א שבת מאוד, ס׳איז דא פערקעלעטער וואס מ׳קען דרייען אזוי, ס׳איז דא מייקראעוו און ס׳איז נאך אסאך

זאכן, וואס אלעס האבן שאלות בישול עכו"ם, ס'איז דא א וועלט מיט שאלות, האט דער אויבערשטער געגעבן דעת לבני אדם, און פאר דעם איז דא דיינים, וואס מקען זיי פרעגן די אלע שאלות וואס מאכט זיך, און די דיינים קענען די הלכות זיי האבן געלערנט די שולחן ערוך מיט די פוסקים מיט אלע נושאי כלים מיט די אחרונים שבאחרונים, און מיט דעם קען מען צוזאמשטעלן א צירוף אויף די אלע שאלות וואס מ'קען ארויסנעמען פון דעם הלכה למעשה.

**קומט** אויס אז מ'דארף יא צוקומען צו דעם אז די איברים פון די מענטש זאלן פון זיך אליינס מקיים זיין כל התורה כולה, ווייל די מוח איז איינע פון די אברים, און די מוח דארף קענען צוזאמשטעלן די אלע תשובות אויף די שאלות.

**און** מ'זעט אין די פרשה אז פנחס האט קודם נישט געוויסט וואס צו טון, נאר זיינע אברים האט שוין פון זיך אליינס געטון די רצון ה', און אזוי איז ער געגאנגען מקנא זיין קנאות ה', אזוי ווי די רבי זי"ע האט מתפלל געווען שתרגילינו בתורתיך, אז זיינע אברים זאלן טון פן זיך אליין די רצון ה'.

**איז** ביי פנחס שטייט די לשון ויקח רמח בידו, און אגב וועט מען שוין ארייַנווארפן א ווארט אז רמח איז די אותיות מחר, ס'איז געווען א מגיפה און מ'האט געדארפט אפשטעלן די מגיפה וואס שנעלער, איז ויקח רמח, ער האט אוועק געשטופט די מארגן און ער האט עס געטון היינט, ס'קומט מרמז זיין אויף דעם וואס ס'איז דא וואס שטופן אפ יעדע זאך אויף מחר, אויף מארגן, היינט איז שוין דערנאך, מארגן וועל איך אנהייבן פון פריש, ס'שטייט והלחם בעמלק מחר, דאס איז מרמז אז די קליפה פון עמלק איז אז מ'שטופט יעדע זאך אויף מארגן.

**אבער** מצד שני איז די מחר א גרויסע טובה, ווייל ווען ס'קומט צו א נסיון, איז גוט מ'זאל עס אפשטופן אויף מחר, און קען זיין מארגן וועט שוין נישט זיין די נסיון, איז די פשט ויקח רמח בידו, ער האט גענומען די מחר אין די האנט אריין, און ער האט געוויסט ווען עס צו נוצן, ווען ס'קומט צו א נסיון דארף מען עס אפשטיפן אויף מחר אויף מארגן, און ביי א גוטע זאך דארף מען עס טון גלייך און נישט ווארטן אויף מארגן.

**און** יעדע מענטש קען צוקומען צו די מדריגה, א אינגערמאן וואס גייט ארויס ארבעטן, שטייט ממונו של אדם מעמידין אותו על רגליו, א מענטש וואס גייט ארויס פאר פרנסה, ס'מאכט אים פאר א מסודר'דיגע מענטש, מ'האט שוין כמה פעמים

נאכגעזאגט אז רבי מרדכי זילבער האט געזאגט, אז מ׳זאל בעטן א יונגערמאן זאל זיצן און לערנען א גאנץ לעבן, שטייט הרבה עשו כרבן שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם, אבער ער זאגט אז היינט איז עס נישט אמת, היינט קען יעדער זיין ווי רבי שמעון, ווייל מ׳באקומט פון די שטאט די אלע פראגראמען, איז כאטשיג ביז אפאר יאר נאכ׳ן חתונה קען מען זיך מסדר זיין מיט די פראגראמען, ממילא איז שוין נישט אזא שווערע זאך צו זיין ווי רבי שמעון וחביריו.

**נאר** די מעלה פון איינער וואס ארבעט איז אז ער איז מער א מסודר׳דיגע מענטש, משא״כ איינער וואס לערנט א גאנצע טאג דרייט זיך מער ארום מיט ספיקות, איז ממונו של אדם מעמידין אותו על רגליו, דאס אז א מענטש גייט ארויס צו די פרנסה, דאס מאכט אים פאר א מסודר׳דיגע מענטש,

**און** וואס איז טאקע די עצה, נאר ס׳שטייט בך חותמין, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, אז מיט חסד וועט מען מסיים זיין די גלות, ס׳שטייט אז די נוסח התפלה איז צוטיילט געווארן לויט די שבטי י-ה, יעדע פון די שבטים האט באקומען א אנדערע נוסח התפלה, עד היום הזה איז דא פארשידענע נוסחאות יעדע חסידות האט זיין אייגענע סידור, איך האב געהערט אז די רבי זאל זיין געזונט זאגט ווען מ׳פרעגט אים וועלכע מהלך צו נעמען, וועלכע חסידישע ספר צו נעמען, וועלכע נוסח צו דאווענען, זאגט ער מ׳זאל טון אזוי ווי מ׳וויל.

**עכ״פ** איך האב אמאל געהערט א שיינע זאך, אז דאס איז טאקע די רצון ה׳ אז פאר משיח וועט קומען איז נישט דא קיין שבטים, ס׳איז דא א צימישעניש, איז וועגן דעם דארף מען מתפלל זיין אז די איברים זאלן פון זיך אליינס וויסן וואס צו טון בעקבתא דמשיחא וואס ס׳איז דא א צמישעניש. און אז די אברים ווייסן פון זיך אליין וואס צו טון איז נישט דא די פראבלעם פון בך חותמין.

**יעדע** חידוש וואס א איד איז מחדש ווערט באשאפן א געוויסע עולם, א נייע וועלט, ס׳איז דא די וועלט די כדור הארץ, און אין די וועלט וואס איז דא איז במשך הדורות נתחדש געווארן אזופיל חידושים, ס׳איז דא אזויפיל וועלטן פון חידושים, און ס׳שטייט נאכמער אז א צדיק וויל פוילען א ישועה פאר א חסיד, איז ער מחדש א חידוש, און ער איז מקשר די איד צו די חידוש, וויאזוי ארבעט עס, נאר ווען א איד דארף א רפואה אדער ער איז אין סיי וועלכע טינקלקייט, איז פשט אז ער האט געזינדיגט אדער א אנדערע האט געזינדיגט, אבער ס׳קען זיין אז דאס

קומט פון א חטא, אדער סיי וועלכע ענין וואס דארף א תיקון, און דאס איז נאר שייך אויף די וועלט, איז ווען מ'איז מחדש א חידוש איז מען מקשר די איד וואס דארף א רפואה צו די עולם וואס איז באשאפן געווארן פון די חידוש, און אז די מענטש געפינט זיך אין א אנדערע עולם איז נישט דא מער די חטא. והעלה רפואה לכל מכותינו, זיי מעלה די חולה צו א עולם וואס איז נישט דא קיין חטא. און אז איינער קען אליין מחדש זיין חידושים איז א גרויסע עת רצון צו עולה זיין די מענטש צו א עולם וואס איז נישט דא קיין פגם.

**איז** דארף מען בעטן דעם אויבערשטן אז די רמ"ח אברים פון די מענטש זאל אליינס וויסן וואס די רצון ה' איז אוטאמאטיש אלעס פארט א מחיה אָן קיין ספיקות, נאטירלך, רעה אמונה, מיינט דאך אז מ'זאל זיך פאשןביים אייבערשטן אז אלעס גייט נאטירלעך, אבער מ'דארף וויסן אז א חלק פון די פאשען אמונה קען מען נישט גיין נאטירלעך, נאטירלעך אין שמירת עינים, ס'גייט נישט אזוי, א חלק פון כל התורה כולה איז אז ביי נסיונות האט מען א בחירה.

**יראת** שמים איז די אותיות תרי"א, ס'איז דא תרי"א מצוות וואס אונז האבן באקומען בידי אדם פון משה רבינו, און צוויי מצוות האט מען באקומען פון אייבערשטען, און יראת שמים אפילו מ'וועט מתפלל זיין טויזנט מאל אויף יראת שמים, וועט נאך אלץ דארפן זיין א בחינה פון בידי אדם, מ'דארף וויסן אז נסיונות דארף מען אליין זיך באגיין מיט דעם, מ'האט פריער גערעדט וועגן שיש בהם יראת שמים ויראת חטא, אז פארוואס איז מען נישט מתפלל אויף חיים שהם יראת שמים ויראת חטא, ווייל מ'דארף וויסן אז יראת שמים ויראת חטא איז א זאך וואס מ'האט א בחירה, שיש בהם יראת שמים ויראת חטא, ס'איז דא יראת שמים ס'ענגט אין די לופט און דו דארפסט עס אליינס בוחר זיין.

**איינמאל** איז געווען אז איך האב נישט געקענט שלאפן ביינאכט איך בין אויפגעשטאנען זייער פרי, איך בין געזעסן אויף בלומינגראוו אויף אפרו, בין איך אראפגעגאנגען אין גאס און אפגעמאכט אז איך וועל טרעפן א וועג אריין אין שטעטל, איך בין געגאנגען שפאצירן העכער א שעה צייט, איך האב נישט געקענט טרעפן קיין היטש האב איך געדארפט צוריק אהיים גיין, א לענגערע מהלך, איך האב געטראכט וואס פעלט דאס אויס יעצט, איך וואלט געקענט ווייטער בלייבן אינדער היים זיך אפצורוען, די גאנצע שעה געגאנגען שפאצירן, במשך די שעה איז מיר איינגעפאלן

אפאר חידושים, א איד דארף וויסן ווען ער איז אין א שווערע מצב דארף ער האבן אמונה, אָן קיין פשרות.

**ס'איז** מיר דעמאלטס איינגעפאלן א מורא'דיגע דערהער וואס וואלט מיר נישט איינגעפאלן סתם אזוי און מיט דעם האט זיך געלוינט די גאנצע זאך, אז מען טראכט אריין ווייסט יעדער איינער אז ווען ס'קומט צו בחירה מיט ידיעה, אז א איד האט א נסיון אין סיי וואס צו אין אמונה צו אין קדושה, צו אין סיי וואס, ווען ס'קומט צו א נסיון זאל מען קיינמאל נישט איבערוועגן איין צד, מ'ווייסט די צד וואס איז אסור און מ'ווייסט די צד וואס איז מותר, נאר היות די יצר הרע בושעוועט, טראכט מען ביידע צדדים די מותר מיט די אסור, דאס שטייט אין די גמרא, אז די אסור און די מותר גייען זיין פונקט די זעלבע זאך, אז ס'וועט נישט זיין קיין שום נטיה צו קיין צד, און מ'ווייסט וואס מ'דארף טון, שטייט ובחרת בחיים, און ביידע קוקן אויס די זעלבע זאך, און צום סוף טוט מען וואס ס'לאזט זיך און מ'קען חס ושלום אריינפאלן, און מ'קען בוחר זיין בטוב, מ'דארף זיך געבן א שטופ אויף בוחר זיין בטוב, מ'קען דאס אויך נישט מסביר זיין אבער אז א מענטש האט א בחירה, די סקונדע וואס איז דא איין נטיה לטוב אדער לרע, איז דאס נישט קיין בחירה, אויב די נטיה איז מער לטוב, איז שוין נישט דא קיין בחירה און די זעלבע איז לרע.

**אבער** איינער וואס איז דבוק אין א צדיק, צדיקים האבן געקענט צונעמען די בחירה פון זייער חסידים, נישט יעדע חסיד, ס'איז אמאל געווען א חסיד וואס איז צוגעקומען צו א רבי און האט אים געזאגט, רבי נעם פון מיר צו די בחירה איך האב שוין נישט קיין כח צו די גאנצע געשעפט, געב מיר א ברכה איך זאל נישט האבן קיין יצר הרע, האט ער אים געזאגט איך קען נישט צונעמען דיין בחירה ווייל איינער וואס האט נישט קיין נסיונות קען נישט שטייגן, האט ער געזאגט, וועל איך נישט שטייגן, אבער כאטשיג וועל איך זיין אפגעהיטן, האט ער געזאגט ווע סט סיי ווי סיי אריינפאלן, האט די צדיק אים געזאגט איך קען דיר געבן א ברכה אז ווען די האסט א נסיון זאלסטו וויסן אז ס'איז א נסיון, מער פון דעם קען איך נישט.

**ער** קען אים נישט געבן א ברכה ער זאל נישט האבן א בחירה, איי מ'קען פרעגן די שאלה וואס יעדער איינער פרעגט, וועל איך נישט שטייגן, ווען צוויי אינגעלייט עפענען א ביזנעס, און איינער הייבט אָן מצליח זיין, און ער שטייגט און שטייגט און ער וואקסט א מיליאנער, און די צווייטע בלייבט ביים פרנסה בריוח אבער ער שטייגט נישט אזוי ווי די פריערדיגער, וועט ער נישט זיין

צופרידן ער וועט זיך עסן די געזינט א גאנצן טאג.

**עבודת** השם איז די זעלבע זאך יעדער איינער וויל שטייגן, און ס׳איז נישט גענוג פאר א מענטש אז ער זינדיגט נישט, איי ס׳איז דא נסיונות, אויף דעם איז חסידישע ספרים וואס געבן עצות ס׳איז דא תחבולות, דער יצר הרע וועט זוכן יעדע תחבולה שבעולם אריינצונארן די איד, איז מאויבי תחכמנו זיי דו אויף אזוי זיך תחבולות אקעגן די יצר הרע.

**די** וואך איז די פרשה פון די ימים טובים, פארוואס זאגט מען יום טוב ברכת הכהנים סוף דאווענען יום טוב, ווייל בשעת ברכת כהנים איז א מורא׳דיגע עת רצון, מ׳בעט אויף חלומות, ס׳איז א מורא׳דיגע עת רצון און מ׳לייגט עס אוועק אויף סוף דאווענען,

**די** וואך איז דא א רמז אויף די מגיפה וואס איז געווען תש״פ ווייל ס׳שטיט אין פסוק ויהי אחרי המגפה און נאכדעם איז דא א פ אינמיטן די פסוק, מ׳טרעפט אין ערגעץ נישט נישט קיין פ׳ אינמיטן די פסוק דאס איז מרמז אויף די מגיפה וואס איז געווען אין תש״פ.

**ס׳איז** איינגעפירט ביי מענטשן פסח מיט צוזינגען מיט די בעל קורא ביי כאלה ביי מפטיר, האב איך געטראכט צוויי יאר צוריק, א בחינה אין דעם מ׳זאגט כאלה מיט די טראפן, די טראפן הייבט זיך אן פשטא מונח זרקא, דאס איז רמז אויף דעם וואס יעדע מענטש וואקסט אויף מיט כללים וואס ער האט אריינגעקומען ביי זיך אין מוח און מיט דעם מאכט ער זיינע החלטות וואס צו טון און וואס נישט צו טון, וואס טוט מען ווען די כללים שטומען נישט, מ׳טוט גארנישט, מ׳לאזט דער אייבערשטער עס פירן, מ׳מוז האבן די כללים וויל אז נישט קען מען נישט לעבן, אבער ווען ס׳שטימט נישט נוצט מען די אמונה און מ׳פארלאזט זיך אויף אייבערשטען,

**זאגט** מען אזוי פשטא, אז א מענטש האט פארלוירן די כללים, פשטא מ׳דארף אים פושט זיין ער ווייסט נישט וואס צו טון, מונח, ס׳איז גארנישט, ס׳וועט זיין גוט, אז א מענטש ליגט אין בעט און ער קען נישט איינשלאפן און ער הייבט אָן טראכטן פארשידענע מחשבות ער צונעמט די עבר מיט די הוה מיט די עתיד, און אמאל מאכט ער החלטות, אז ווען ער וועט אויפשטיין וועט ער טון דאס און דאס, און ווען ער שטייט אויף אינדערפרי איז אלעס כחלום יעוף, ס׳איז שוין נישט נוגע די גאנצע זאך, וואס איז די עצה צו מונע זיין די מחשבות.

**ס'איז** דא אויף דעם א שיינע געדאנק, אז א מענטש דארף זיך פרעגן צו די זאך איך נוגע פאר אים, ס'איז מיר יעצט נוגע די מחשבה וואס באדערט מיר, באדערט איז די אותיות, באמצע דבריו ער, א מענטש דארף זאגן אינמיטן זיינע מחשבות, ס'באדערט מיר יעצט עפעס, ער געבט דיך א וועק אויף.

**עכ"פ** פשטא מונח זרקא מונח סגול, ווילסט פושט זיין ווען ס'בושעוועט, מונח, טראכט בעסער נישט, טראכט גוט וועט זיין גוט מיינט אז ווען איך האב א פראבלעם אז איך וועל טראכטן גוט וועט זיך אפשר מסדר זיין, יעדע מטבע האט צוויי זייטן, אויף יעדע זאך קען מען טראכטן צוויי זייטן, ביי די ווארט מטבע ס'איז דא א מ' פון איין זייט און א ע' פון די צווייטע זייט, מ' ער קען טראכטן א גוטע כוונה, און ע' ער קען טראכטן א שלעכטע כוונה, אויף יעדע זאך קען מען טראכטן אז ס'איז א גוטע זאך און מ'קען טראכטן אז ס'איז נישט גוט, איז די מ' איז מרמז אויף גוטס ווייל ס'איז אויף די רעכטע זייט, און א איד גייט רעכטס, און די ע' איז אויף די לינקע זייט שמאל דוחה, דאס איז מרמז אויף די נישט גוטע זייט, אדער קען מען טראכטן טב ס'איז גוט מ'וועט שוין זען שפעטער.

**אונז** האבן געזאגט אפאר וואכן צוריק מאימתי קורין את שמע בערבין, מאימתי איז א לשון פון אימה ויראה, ווען ס'קומט צו יראת שמים ווען דער יצר הרע קומט דארף מען אים אפשטופן אויף שפעטער, און שפעטער וועט עס שוין קיינמאל נישט געשעהן בעזר השם.

**איז** פשטא מונח זרקא מונח סגול, דארף מען וויסן אז מ'דארף פושט זיין, טראכט נישט ווארף עס ארויף אויפן אייבערשטען, מונח וועסטו זעהן ס'וועט זיך אויפהערן בושעווען, סגול, דאס וועט זיין די סגולה, דאס איז די כאלה מיט די כח פון א ניגון קען מען אפפאטערן די גאנצע געשעפט און טראכט נישט פון קיין אנגעצוינגקייט. די אותיות אנגעצויגן איז די אותיות אינגאנצען אבער ס'איז נישט ממש די אותיות אינגאנצען, מ'דארף נישט זיין אינגאנצן אנגעצויגן.

**די** ענין אז ס'איז אמאל צופארן די מחשבות ווען איך וואלט דאס געזאגט מיט צען יאר צוריק וואלטו מען מיך ארויסגעווארפן, היינט איז א אנדערע וועלט יעדע ליידט אויף די מחשבות די הייליגע ריזינער זי"ע האט געזאגט אז פאר משיח ווען קומען וועט אראפקומען א מחלה פון נערוועז אויף די וועלט, ער האט עס שוין געזאגט בערך דריי הונדערט יאר צוריק, און די רבי זי"ע ווען ער

ברענגט צו אין ויואל משה די ווארט פון די ריזינער האט ער געזאגט, ער איז איינע פון די צדיקים וואס האבן מרגיש געווען אז ס'וועט קומען אפיקורסות אויף דער וועלט.

**עכ"פ** די נושא ווערט אנגערופן O C D, דאס מיינט אז א מענטש ווערט אריינגעטון אין מחשבות, יעדע מענטש האט מחשבות און מ'ווארפט עס אוועק, די אות O איז א רינדכיגע אות, און CD איז א סידי וואס ס'שפילט מוזיק און ס'איז אויך א רינדעכיגע זאך, איז וואס איז די חילוק צווישן די צוויי, נאר ווען איינערליידט אויף דעם ווען מ'פרובירט עס אפצושטופן וועט עס ארום נעמען די מענטש און ס'שפילט זיך איבער די מחשבות אזוי ווי א סידי וואס מ'שפילט כסדר איבער, וואס איז טאקע די עצה, נאר צוויי מאל ארומנעמען איז א ריבוי אחר ריבוי, א ריבוי אחר ריבוי איז ממעט, מ'דארף גארנישט טון, אז מ'טוט גארנישט שפילט זיך עס נישט איבער.

**און** מ'דארף וויסן אונז זענען נישט קיין מלאכים די חתם סופר שרייבט אין א תשובה אונז זענען בשר ודגים אונז זענען בלוט און פלייש און א מענטש קען מאכן אמאל א טעות, און מ'דארף זיך מחזק זיין, און זיך נישט דערשרעקן פון גארנישט אז מ'מאכט אמאל א טעות, לא ניתנה תורה למלאכי השרת, מלאכים זענען אויבן אין הימל, מ'דארף נישט זיין מלא שלימות. די וואך איז דא אין די ווארט שלום א ו' קטיעא, א שלימות איז אז ס'איז דא א ו' קטיעה, הנני נותן לו בריתי שלום.

**ס'איז** דא א רמז אויף די י' זעירא, פנחס איז געווען קדושה יסוד, איז אוודאי א איד דארף וויסן ווען ס'קומט צו יסוד, שטייט אז יסוד גייט צוזאמען מיט ענוה איינער וואס געבט אכטונג אויף די עיין אויף זיינע אויגן איז ער א נוטר הברית, איז ווען ס'קומט צו א נסיון דארף מען זיך האלטן בענוה, איינער וואס איז אפגעהיטן האט א לעכטיג לעבן ער איז מלא דביקות אין עבודת ה' ער איז מלא טעם, ער האט אלע גוטע ענינים ער איז ארומגענומען מיט חסדים,

**איך** האב געזען אין א גליון שטייט אז באמת וואלט שוין משיח געדארפט לאנג זיין דא, נאר דער אויבערשטער קוקט צו וויאזוי אידן פירן זיך אויף אין די גלות אז יעדער טוט אין עבודת השם יותר מכפי יכלתו, און דער אויבערשטער האט אזוי הנאה דערפון אז ער זאגט מ'האט שוין געווארט ביז יעצט לאמיר ווארטן נאך אביסל ער וויל האבן די נחת רוח וואס ער האט פון די אידן אין גלות, אבער אונז ווייסן דאס נישט אונז מאכן נעבעך מיט.

**מ׳וועט** מסיים זיין מיט דעם יעדער ווייסט אז דער ישמח משה האט שטארק מצפה געווען לישועה ס׳איז דא א מעשה מיט צוויי נוסחאות אונז וועלן זאגןביידע נוסחאות, מ׳זאגט אז די ישמח משה האט געזאגט פאר ער איז נסתלק געווארן אז ער גייט נישט ארייגגיין אין גן עדן פאר ער וועט ברענגען די גאולה, און ווען ער איז אנגעקומען אויפן עולם האמת, האט מען געזעהן אז ער לאזט זיך נישט, ער האט זיך געשטעלט אז מ׳זאל ברענגען די גאולה, ס׳איז דא צוויי גירסאות, איין גירסא איז אז מ׳האט געברענגט דוד המלך אליינס, און די נעים זמירות ישראל האט אנגעהויבן שפילן מיט זיין פידל, און פון גרויס נעימות האט מען אים מסיח דעת געווען פון זיין בקשה און ער איז געווארן ארייגעשלעפט אין גן עדן.

**די** צווייטע גירסא האב איך געהערט פון רבי נפתלי צבי פון באבוב זי״ע, האט ער געזאגט מ׳האט אים מכבד געווען צו זאגן א דרשה, מ׳האט אים געוואלט מסיח דעת זיין פון פוילען די גאולה, ס׳איז נאכנישט געקומען די צייט זעט אויס, האט מען אים געהייסן זאגן א דרשה, און ס׳האט אים אנגעהויבן איינצופאלן אזעלכע חידושים נפלאים, ער האט אנגעהויבן זאגן א דרשה און די דרשה גייט נאך עד היום הזה, ער איז נאכנישט אריין אין גן עדן ער זאגט נאך די דרשה, ער האט צוגעענדיגט די מעשה האט ער געזאגט מ׳דארף זעהן אז די דרשה זאל זיך ענדיגן.

**בעט** מען א בקשה די טעג וואס דער מלך איז נמצא בשדה, ס׳איז דא א משל אז איינער איז געזעצן אין תפיסה און איינמאל איז דער מלך אריינגעקומען און ער האט געזאגט מ׳קען בעטן וואס מ׳וויל, האט די ארעסטאנט געבעטן מ׳זאל אים מער באקוועם מאכן אין תפיסה מ׳זאל אים געבן הייצונג און אזוי ווייטער, האט אים איינער געזאגט דו נער וואלסט געקענט בעטן די מלך זאל דיך ארויסנעמען פון תפיסה. די זעלבע זאך איז ביי אונז יעדער האט זיך זיינע צרות ישראל, און מ׳דארף זעהן צו בעטן, ס׳איז א שווערע זאך, ווייל ס׳איז דא א וועלט מיט בקשות וואס מ׳קען בעטן, די יצר הרע קומט אמאל אינמיטן דאווענען און ער מבלבל דער מענטש, דער יצר הרע איז א למדן ער קען יעדע ספר אין די וועלט ער קען אלעס, דער יצר הרע אליינס וויל נישט מ׳זאל אים פאלגן ער איז נאר דא צוצורעדן די מענטש דאס איז זיין עבודה אבער ער וויל נישט מ׳זאל אים פאלגן, ווען מ׳פאלגט אים נישט האט ער א עלייה, אבער מ׳דארף בעטן אז מ׳זאל אונז ארויסנעמען פון גלות , ס׳איז בעסער פון צו בעטן מ׳זאל אונז באקוועם מאכן אין גלות אזוי ווי די משל.

**ס׳שטייט** אין די גמרא הבא לטמא פותחין לו און הבא לטהר מסייעין לו, די חילוק איז פארוואס ביי לטמא שטייט פותחין און ביי לטהר שטייט מסייעין לו, נאר ווען ס׳איז הבא לטמא, מאכט מען אויף איינמאל די טיר און מ׳זאגט אים גיי ווי די ווילסט, אבער ווען ס׳איז הבא ליטהר דעמאלטס איז מסייעין לו, מ׳האלט אים אין איין העלעפן ער זאל צוקומען צו זיין תכלית.

**דער** אייבערשטער האט טאקע א נחת רוח פון כלל ישראל אין גלות אבער די דרשה פון ישמח משה דארף זיך אויפהערן און ס׳דארף צו זיין די גאולה.